**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט באוויליגונג פון נייע מסגרת צו ערייכן לכל הפחות צען גיגאַוואַט פון פארטיילטע סאָלאַר ענערגיע ביז 2030**

***גענוג סאָלאַר ענערגיע צו באקרעפטיגן באלד 700,000 מער ניו יארקער וואוינונגען יערליך***

***ערווארטעט צו טרייבן אומגעפער 4.4 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונגען, שאפן נאך 6,000 סאָלאַר ענערגיע דזשאָבס — מיט געוועלניכע געהאלט פאדערונגען פאר פראיעקטן איבער איין מעגוואַט***

***40 פראצענט פון די בענעפיטן וועלן גיין פאר קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן, און ניו יארקער מיט קלענערע צו מיטלמעסיגע איינקונפט***

***שטיצט סטעיט׳ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציל אויפצוטרייבן 70 פראצענט פון סטעיט׳ס עלעקטרישע ענערגיע פון באנייבארע קוועלער ביז 2030***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן, לכבוד דעם בעפארשטייענדן ׳ערד וואך׳, אז די סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע האט באוויליגט א נייע מהלך פאר׳ן סטעיט צו ערייכן לכל הפחות צען גיגאַוואַט פון פארשפרייטע סאָלאַר ענערגיע ביז 2030, גענוג צו באקרעפטיגן יערליך באלד 700,000 שטובער פון דורכשניטליכע גרויסקייט. דער ראוד-מאפע, אריינגעגעבן דורך דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס צו דעם PSC, גיבט א גרונטליכע סטראטעגיע צו פארברייטערן דער סטעיט׳ס ערפאלגרייכע ׳NY-סאָן׳ אונטערנעמונג אויף איינע פון די גרעסטע און מערסט אריינגעמיגע סאָלאַר ענערגיע פראגראמען פון איר סארט אין דעם לאנד. ׳ערד וואך׳, וואס לויפט היי-יאר פון אפריל 18 ביז 22, ווערט געפייערט מיט פארקומענישן איבער דער וועלט אויף צו שטיצן דעם ענווייראָנמענט און צו העכערן באוואוסטזיניגקייט פאר ענווייראנמענטאלע באשיצונג און די אויפפאסונג פון אונזער פלאנעט.

״דער קיום׳דיגער קאמף קעגן קלימאט ענדערונג פאדערט היסטארישע אינוועסטירונגען אין באנייבארע ענערגיע כדי אונז צו ברענגען נאענטער צו א ליכטיגערן, גרינערן צוקונפט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די ראוד-מאפע צו פארברייטערן דעם ׳NY-סאָן׳ אונטערנעמונג אויף לאנד-וועגווייזיגע בלוּפרינט פאר׳ן אנטוויקלען אויסגעשפרייטע סאָלאַר ענערגיע קומט נאך די חובת השעה אויף דאס מערסטע אויפצוטרייבן אונזער עקאנאמיע און ברענגען רעזולטאטן פאר אונזערע קלימאט צילן.״

די איינגעפירטע מסגרת רעכנט אריין אן אינוועסטירונג פון 1.5 ביליאן דאלער אין ראטע-צאלער פינאנצירטע באלוינונגען אויסצוציען דעם ערפאלגרייכן ׳NY-סאָן׳ פראגראם און פארזעצן ווייטער די מערקווירדיגע רעדוקציע אין פראיעקט קאסטן און באלוינונגען אפגעמערקט אין די פארלאפענע צען יאר. די פובליק אינוועסטירונג וועט טרייבן אומגעפער 4.4 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג צו

ברענגען אויסגעטיילטע פראיעקטן צו דער ווירקליכקייט, פאר א סה״כ פון 5.9 ביליאן דאלער אין ערווארטעטע אינוועסטירונג איבער די מיטל ביז ענדע ‎-2020‎׳ער יארן. נאך 6,000 סאָלאַר ענערגיע דזשאָבס וועלן געשאפן ווערן איבער׳ן סטעיט, אריינגערעכנט דאס ערשטע מאל אנווענדן דורכ׳ן סטעיט׳ס אנגענומענע געהאלט פאדערונגען פאר סאָלאַר ענערגיע פראיעקטן צווישן איינס און פינף מעגעוואַטס.

דער פראגראם פארברייטערונג וועט אויך ליפערן ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון די אינוועסטירונגען צו קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן און ניו יארקער מיט קלענערע צי מיטלמעסיגע פארדינסטן. די היינטיגע אויסמעלדונג שטיצט דעם סטעיט׳ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (קלימאט געזעץ) מאנדאט אויפצוטרייבן 70 פראצענט פון די סטעיט׳ס עלעקטרישע קראפט פון באנייבארע ענערגיע אלס ביז 2030 אלס טייל פון א ווידערשטאנד-פעאיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע.

די ראוד-מאפע באשטעטיגט דורך דער קאמיסיע און אויסגעארבעט דורך DPS און NYSERDA האט פארזיכטיג אפגעשאצט מערערע סטראטעגיעס אויף ארויסצושטעלן צען גיגאוואַטס אדער מער פון אויסגעשפרייטע סאָלאַר ענערגיע ביז 2030 און באשלאסן אז פארלענגערן דער סטעיט׳ס ערפאלגרייכע NY-סאָן׳ אונטערנעמונג וועט צושטעלן די מערסט ווירקזאמע און מעסיגע-קאסט מהלך אויף פאראויס.

דאס ערווייכן דעם סטעיט׳ס פארברייטערטן סאָלאַר ענערגיע ציל איז ערווארטעט אויפצוטרייבן גענוג ריינע עלעקטריציטעט פער יאר אויף צו באקרעפטיגן באלד 700,000 נאך ניו יארקער וואוינונגען, אריינגערעכנט די אין מער אפגעשוואכטע קאמיוניטיס. וויכטיג צום באטאנען אז די איצט-באשטעטיגטע ראוד-מאפע שטעלט צו:

- גענוג נייע ריינע, באנייבארע ענערגיע צו יערליך באקרעפטיגן נאך 700,000 שטובער;
- לכל הפחות 1,600 מעגעוואַטס, גענוג צו באקרעפטיגן 280,000 שטובער, פון נייע סאָלאַר ענערגיע קאפאציטעט פאר׳ן געניסן דורך קאמיוניטיס מיט שוואכערע מעגליכקייטן און נידעריג ביז מיטלמעסיג-פארדינענדע ניו יארקער, מיט אן אפגעשאצטע 600 מיליאן דאלער אין אינוועסטירונגען צו סערווירן די קאמיוניטיס;
- ווייניגסטנס 450 מעגעוואַטס, גענוג צו באקרעפטיגן באלד 79,000 וואוינונגען, געבויט צו ווערן אין דעם קאן עדיסאן עלעקטרישע סערוויס געגנט (דעקנדיג ניו יארק סיטי און טיילן פון וועסטשעסטער), האבן געמערט די אינסטאלירטע סאָלאַר ענערגיע קאפאציטעט אין דעם געגנט אויף איבער איין גיגאַוואַט, גענוג צו באקרעפטיגן באלד 175,000 שטובער;
- ווייניגסטנס 560 מעגעוואַטס, גענוג צו באקרעפטיגן 98,000 שטובער, צו ווערן אפירגעברענגט דורך דער לאנג איילענד פּאַווער אויטאריטעט; און
- א נייע פאדערונג אז ארבעטער פארבינדן מיט די קאנסטרוקציע פון NY ׳סאָן׳ געשטיצטע פראיעקטן וועלכע זענען גרעסער ווי איין מעגעוואַט דארפן געצאלט ווערן די אנווענדליכע אנגענומענע געהאלט.

דאס פארברייטערן דעם סטעיט׳ס סאָלאַר ציל איז ערווארטעט צו האבן א דורכשניטליכע השפעה אויפ׳ן ביל פאר ניו יארקער קאסטומערס פון ווייניגער ווי איין פראצענט, אדער אומגעפער 0.71 דאלער א חודש פאר דער דורכשניטליכער דירה.

**פארזיצער פון דער פובליק סערוויס קאמיסיע ראָרי עם. קריסטיען האט געזאגט,** ״די ענטוזיאסטישע שטיצע און מוטיגונג פון גאווערנער האוקול איז געווען אינטעגראל צו די אנגייענדע אנטוויקלונג פון אן צוטריט צו סאָלאַר ענערגיע אין ניו יארק סטעיט. די ראוד-מאפע וועלכע מיר האבן היינט באשטעטיגט גיבט ניו יארק די אנווייזונגען עס נויטיגט זיך אויף צו פארשנעלערן די טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע און נאכקומען אונזער קריטיש-וויכטיגע קלימאט צילן.״

**פרעזידענט און CEO פון דעם ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט דאריען עם. האריס האט געזאגט,** "די היינטיגע אקציע דורך די פובליק סערוויס קאמיסיע פארברייטערט די סטעיט'ס העכסט ערפאלגרייכע 'NY-סאָן' אונטערנעמונג אויף איינע פון די גרעסטע פראגראמען פון איר סארט אין די פאראייניגטע שטאטן און וועט ווייטער סאלידיזירן ניו יארק'ס שטאנד אלס א נאציאנאלער פירער אין אויסגעשפרייטע און קאמיוניטי סאָלאַר ענערגיע פאר פילע יארן אינ'ם צוקונפט. די גרונטליכע פארברייטערונג מיינט אז מער פאמיליעס און ביזנעסער, איבערהויפט די אין קאמיוניטיס וועלכע זענען היסטאריש געווען אונטערסערווירט, וועלן האבן צוטריט צו ריינע, צוגענגליכע סאָלאַר ענערגיע עלעקטריציטעט, און גלייכצייטיג פארזיכערן אז די ארבעטער וועלכע בויען די פראיעקטן באקומען א יושר'דיגע געהאלט. דאס גרייכן 10 גיגאוואַטס וועט אויסניצן 9 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג און שאפן טויזנטער פאמיליע-אויסהאלטעוודיגע דזשאָבס, צייגנדיג די ריזיגע מעלות וואס דער סטעיט'ס ריינע ענערגיע טראנזיציע ברענגט צו ניו יארקער אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט."

**סטעיט סענאטאר טאַד קאַמינסקי האט געזאגט,** "די היינטיגע באשטעטיגונג דורכ'ן PSC פון די סאָלאַר ראוד-מאפע ווייזט וויאזוי מיר קענען נאכקומען די אמביציעזע צילן אויסגעלייגט אין דעם CLCPA, מיט ריינע סאָלאַר ענערגיע. מיר קענען מוטיגן ביליאנען אין פריוואטע אינוועסטירונג, און פארזיכערן אז קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן געניסן פון די אויפשטייג. איך אפלאדיר NYSERDA, ווי אויך DPS און גאווערנער האקול פאר זייער פאראויס-קלערנדע סטראטעגיע אויף צו מאכן וואקסן ניו יארק'ס גרינע ענערגיע עקאנאמיע און די טריט וואס עס נויטיגט זיך עס צו אוואנסירן."

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו ענגלברייט האט געזאגט,** "מיר האבן אלע אן אינטערעס אין רעדוצירן די נעגאטיווע תוצאות פון קלימאט ענדערונג. אין 2019 האב איך ספאנסירט דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ וואס פאדערט פון דעם PSC אוועקצושטעלן א פראגראם אין דעם ריינעם ענערגיע סטאנדארט צו פארזיכערן אז 70 פראצענט פון די סטעיט'ס עלעקטרישע קראפט ווערט אויפגעטריבן פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 און 100 פראצענט פון עמיסיע-לאזע קוועלער ביז 2040. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר די שריטן וועלכע זענען היינט גענומען געווארן. זיי זענען א טריט אין דער גוטער ריכטונג."

**אסעמבלי-מיטגליד מייקל קוסיק האט געזאגט,** "די פארברייטערונג פון דעם 'NY-סאָן' אונטערנעמונג איז א העכסט-נייטיגע טריט אין פארברייטערן אונזער סטעיט'ס סאָלאַר ענערגיע קאפאציטעט און וועט אונז העלפן מאכן ריזיגע פארשריטן אין ארבעטן אויף צו ערגרייכן די צילן פון דעם CLCPA. די אנגייענדע פארברייטערונג פון אונזער סאָלאַר ענערגיע קאפאציטעט איז קריטיש-וויכטיג צו בויען דעם ענערגיע גריד פאר'ן צוקונפט דא אין ניו יארק און באשיצן אונזער סביבה פאר פילע קומענדיגע דורות."

**לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א 'גרינע עקאנאמיע' אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט'ן אריינשטעלן אין געזעץ דער 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט' האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו דערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז'ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז'ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 33 ביליאן דאלער אין 102 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8

ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418